בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

קדושים
ג' אייר תשפ"ד

גליון מס': פא
שנה ב'

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:50 |
| מוצש"ק | 8:08 |
| ר"ת | 8:44 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:19 | סוז"ת א' | 9:44 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 10:16 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

## טיב הפרשה

# קדושים תהיו

## א פרישות'דיגער לעבן

די פרשה פון די וואך הייבט זיך אן מיט דער 'ציווי' וואס הקב"ה זאגט אן פאר כלל ישראל אז מען זאל הייליג און אפגעהיטן און ווי עס איז דער לשון הפסוק איז 'דברו אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ד' אלוקיכם'.

רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס אז דער ציווי פון 'קדושים תהיו' גייט ארויף אויף די איסור פון עריות, אז א איד זאל זיך פירן בקדושה ובטהרה און זיין אפגעשיידט פון עריות.

דער רמב"ן אויפ'ן ארט איז מרחיב זאגנדיג אז די פסוק דא מיינט נישט נאר אפגעהיטענקייט פון 'עריות', נאר אז דאס לעבן פון א איד זאל זיין מיט פרישות און אז די ציווי צו לעבן בפרישות גייט ארויף אויף אלע ענינים.

דערביי ברענגט דער רמב"ן אראפ די ווערטער פון דער תורת כהנים אז 'קדושים תהיו' מיינט 'פרושים תהיו' און שמועסט אויס אז עס איז טאקע דא אסאך איסורים וואס די תוה"ק האט גע'אסר'ט א איד אז ער קען עס נישט נוצן, אבער אין די זעלבע צייט האט אויך די תורה הק' מתיר געווען אסאך זאכן ווי עסן פלייש און ווין אדער הנאה האבן פון אנדערע הנאות, וואס די וועלט שטעלט אהער, אז עס וואלט זיך געקענט אויסדוכטן פאר א איד, אז ער קען אפלעבן א לעבן פון גשמיות און ער וועט חלילה זיין א נבל ברשות התורה און אז א איד זאל נישט מיינען אז ער קען אזוי לעבן – געבט אונז די תוה"ק דא אן אזהרה אז מען זאל זיך פירן בפרישות און אפגעשיידנקייט.

די ציווי איז דא פאר יעדן איינעם און פאר יעדן זמן און וועגן דעם איז די פרשה געזאגט געווארן 'בהקהל' ווען אלע אידן זענען געווען אנוועזנד, ווייל קדושה איז שייך פאר יעדן איינעם.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### קְדֹשִׁים תִּהְיוּ

ביי די תפילה וואס מיר זאגן נאך ספירת העומר, בעטן מיר 'ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה'. וואס מיינט עס אט די קדושה של מעלה, און וויאזוי איז די וועג צו מקיים זיין דער ציווי פון די הייליגע תורה 'קדושים תהיו'? דער הייליגער רמב"ן אין אונזער פרשה איז מאריך אין דעם ענין, זאגנדיג אז 'קדושים תהיו' מיינט אז מען זאל זיין אפגעשיידט פון איבעריגע זאכן... און מען זאל זיך מקדש זיין פון ווין דורכן טרינקען ווייניג דערפון... אויך זאל מען היטן דעם מויל און צונג פון עסן אסאך און פון רעדן מיאוס'ע רייד, און אזוי ווייטער, און דורכדעם זאל מען זיך הייליגן ביז מען וועט דערגרייכן די מדה פון פרישות. פון זיינע הייליגע ווערטער זעען מיר דעם ענין פון 'קדש עצמך במותר לך', דאס הייסט אז דער וועג צו קדושה איז מיט די טאג-טעגליכע זאכן, וואס פון איין זייט זענען זיי פשוט'ע זאכן, אבער פון די אנדערע זייט פאדערן זיי א שטענדיגע עבודה און נאכאנאנדיגע אינוועסטירונג.

עס ווערט דערציילט אויף דער הייליגער רוזשינער צדיק הרה"ק רבי ישראל זי"ע, אז אמאל אין זיין יוגנט האט מען געזען ווי ער וויינט זייער שטארק. ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער ערקלערט אז ער וויל עסן, אבער וואס זאל ער טון אז ער האט געהערט פון זיין טאטן אז ווען א מענטש גלוסט צו עסן – טאר ער נישט עסן. אזוי איז געווען זיין הייליגע עבודה נאך פון יונגווייז אן! איך געדענק אז איך האב אמאל זוכה געווען צו ווילן אויף שבת קודש בצל קדשו פון דער ישועות משה פון וויזניץ זצוק"ל, האב איך געזען אז ווען מען האט אים דערלאנגט דער טעלער יויך (זופ), האט ער געווארט א לאנגע צייט, און נאר נאכדעם האט ער אריינגעלייגט דעם לעפל אין מויל, און עס צוריק אראפגעלייגט. דערנאך האט ער נאכאמאל גענומען דעם לעפל אין מויל, און עס אראפגעלייגט. ער האט נישט גענומען דעם לעפל צום מויל צוויי מאל נאכאנאנד, נר יעדן מאל האט ער אראפגעלייגט דעם לעפל, געווארט א שטיקל צייט, און דערנאך האט ער ווייטער געגעסן, און אזוי ווייטער. דאס איז געבליבן איינגעקריצט ביי מיר אין זכרון – וואספארא שבירת התאוות (עס לוינט צו פראבירן)! אט דאס ווערט אנגערופן **'תענית הראב"ד'**, וואס ווען דער מענטש האלט זיך צוריק פון אויספירן זיין גאנצן תאוה, אזוי אויך ווען מען האלט זיך צוריק פון רעדן דברים בטלים, אפילו פאר עטליכע מינוט, איז ער מקיים דערמיט די מצוה פון 'קדושים תהיו'.

דער עיקר טעם פארוואס מענטשן זענען נישט מצליח אין דעם, איז ווייל מען וויל גיין "אויף א גרויסן פארנעם", און ווען מען זעט דעם ציווי פון 'קדושים תהיו', וויל מען זיך איבערדרייען אויף א מלאך! מיר דארפן אבער געדענקען אז די תורה הקדושה איז געגעבן געווארן **פאר מענטשן**, און 'לא בשמים היא', און די הייליגע תורה וויל אז מיר זאלן זיך מקדש זיין אינעם עולם הגשמי צוזאמען מיט אלע זיינע טירדות און תאוות, נאר אזוי וועלן מיר זוכה זיין צו שטייגן אמת'דיג אין קדושה, און זוכה זיין צום 'ואטהר ואתקדש בקדושה של מעלה, ועל ידי זה יושפע שפע רב בכל העולמות'.

(עפ"י טיב התורה - אמור)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

די תוה"ק איז עקסטער מדגיש דער נושא פון הקהלה אז עס איז געזאגט געווארן פאר יעדן איינעם ווייל א איד קען נאך האבן ביי זיך א הוה אמינא אז 'פרישות' איז פאר בעלי מדריגה און אז עס האט נישט מיט אים. אז מען זאל נישט האבן א הוה אמינא נאר מען זאל וויסן אז עס איז שייך פאר יעדן איינעם און אין יעדן מצב וואס מען איז און אז דער וואס איז זיך מקדש איז מקיים די מצות עשה פון 'קדושים תהיו' – איז עס געזאגט געווארן בהקהל.

די מצוה איז אויך שייך ביי קליינגקייטן. אויך ווען א איד קען נישט אפפאסטן טעג, קען ער אויך מקיים זיין די ענין פון קדושה. מען קען עס אויך מקיים זיין ווען מען האלט זיך אפ פון עסן א געשמאקע זאך אדער ווען האלט זיך איין דערפון פאר א שטיק צייט.

מיין טאטע זצ"ל האט מיר דערציילט אז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט זיך צוריקגעהאלטן פון שמעקן טאבאק. ער פלעגט זאגן אז ביי אים איז עס נישט קיין צורך, נאר מותרות, און עס גייט אריין אין די חשש פון עובר זיין אויף די מצוה פון קדושים תהיו.

ווי געזאגט איז נישט יעדער ביי די דרגה אבער אויך ווען מען קען זיך נישט אינגאנצן איינהאלטן זאל מען כאטש מקיים זיין דער תענית הראב"ד.

עס איז באקאנט אז דער ראב"ד זאגט אז ווען א איד האט פאר זיך א מאכל און ער גלוסט צו איר זייער שטארק אבער ער האלט זיך איין פאר א שטיק צייט ווערט די איינגעהאלטענע צייט גערעכענט ביי אים ווי א תענית, אבער אויסער די תענית, פארדינט ער אויך אז ער איז מיט דעם מקיים די מצוה פון קדושים תהיו.

איך האב אמאל געהערט בדרך צחות מבאר צו זיין די סמיכות פון די פסוק 'קדושים תהיו' צו די 'איש אמו ואביו תיראו'. אויף אידיש איז דער אפטייטש פון אמו ואביו – פאטער און מוטער'. עס קומט מרמז צו זיין אז 'קדושים תהיו' איר זאלט זיין הייליג און ווי אזוי איז מען הייליג אז מען היט זיך אפ פון דער 'מותר' און פון דער 'פטור' און ווי עס איז דער לשון 'קדש עצמך במותר לך'.

דער שליסל צו שטייגן אין קדושה און זיך אויסארבעטן אין איר איז מיט'ן זיך הייליגן און זיך פירן בפרישות דווקא ביי די זאכן וואס זענען מותר, וואס מען מעג טון, אבער דאך האלט מען זיך צוריק, ווייל דווקא דורך די אלע זאכן קען מען זיך דערקייקלען און אנקומען צום שאול תחתיות און אז מען היט זיך אפ פון איר – קומט מען אן גאר הויער.

דער ענין איז נוגע יעדן איינעם סיי יונג און סיי אלט, און וועגן דעם איז גוט און ראטזאם אז מען זאל איינגעוואוינען יונגע קינדער פון קליינוויז אן אז זיי זאלן זיך צוגעוואוינען צו איינהאלטן ביים עסן, אז ער זאל נישט אויסוואקסן א בעל תאוה.

אויף איינער פון די צדיקים דערציילט מען אז אלץ קינד האט מען אים אמאל געזען זיצן פארענט פון א גרייטע מאלצייט און וויינען. ווען מען האט אים געפרעגט וואס באדייט דער געוויין האט ער געזאגט אז ער וויינט ווייל ער איז הונגעריג.

"אויב אזוי גיי עסן, דאס עסן ליגט דאך פאר דיר"!

אבער דער קינד האט געגעבן צו פארשטיין אז זיין טאטע האט אים אויסגעלערנט אז ווען מען גלוסט צו עפעס – זאל מען זיך איינהאלטן פון עס עסן, און ער גלוסט זייער שטארק צו די עסן – ממילא קען ער נישט עסן.

די מעשה לערנט אונז אויס ווי צדיקים פלעגן אריינלייגן אין די קינדער שוין פון יונגוויז אן אז מען דארף לעבן מיט איינגעהאלטנקייט און התגברות – ווייל דאס איז דער וועג צו קדושה.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן זיך קענען אויסארבעטן אין די נקודה און שטייגן מעלה מעלה בקדושה ובטהרה און זוכה זיין צו א לעבן פון קדושה וטהרה.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א טויזנטער
# פאר א טויזנטער

איך האב ביי מיר אין שטוב א שטיקל גמ"ח. ווען אידן זענען אין א נויט און זיי דארפן געלט וועל איך זיי פארבארגן געלט.

עס איז א קליינע גמ"ח און עס מאכט זיך אסאך מאל אז איך לויף אויס פון געלט, איך האב שוין מער נישט קיין געלט צו פארבארגן.

אין א טאג קומט צו מיר א איד און ער געבט מיר אפ טויזנט דאלער.

"עס איז נאך נישט דער באצאלונגס צייט, אבער עס האט זיך געמאכט ביי מיר געלט, באצאל איך דיר מיין חוב".

איך האב זיך באדאנקט פאר דעם איד און אריינגעלייגט דאס געלט אין טאש.

איך בין נאך געשטאנען דארט ווען מיין ברודער קומט צו גיין און בעט מיר צי איך קען אים פארבארגן טויזנט דאלער.

איך און מיין ברודער זענען זייער נאנט. מיר האבן א שטארקער צוטרוי איינעם צו צווייטן. עס וואלט מיר געווען זייער אומב'טעמ'ט צו דארפן אפזאגן מיין ברודער אויף א הלוואה, אבער ברוך ה' אז מען האט מיר מזמין געווען גלייך דאס געלט, אזוי האב איך געקענט אויספירן דער 'וחי אחיך עמך' מיט די גרעסטע מאס געשמאק.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ה.ש.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# הרה"ק רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע

לרגל דעם גרויסן יומא דהילולא פון דער הייליגער רבי ישעיה ב"ר משה פון קערעסטיר זצוק"ל, וואס געפאלט אום דעם שבת קודש (ניין און נײנציג יאר פון זיין הסתלקות – ג' אייר תרפ"ה לפ"ק), לייגן מיר פאר אייך א קליינעם בינטל פונעם שפרודלדיגן קוואל פון מרן רבינו שליט"א אויפן בעל ההילולא.

כאטש מיר האבן שוין עטליכע מאל געברענגט וועגן אט דעם הייליגן צדיק אין דעם אפטיילונג פון אונזער גליון, האט זיך ב"ה נישט אויסגעטרוקנט דעם מעיין המתגבר, אזוי זאל דער אויבערשטער ווייטער העלפן. יעצט וועלן מיר פאַרלייגן פאר אייך א שיחת קודש וואס איז געזאגט געווארן דורך מורינו ורבינו שליט"א ביים סעודת הילולא וואס איז פארגעקומען לכבוד דעם גרויסן בעל ההילולא מיט עטליכע יאר צוריק ברוב עם, אינעם היכל ישיבתינו הקדושה אויפן ישעיהו גאס דא אין ירושלים עיר הקודש ת"ו.

זכותו תגן עלינו ועל כל בית ישראל – אמן.

->•<-

די באוואוסטע גראָסמאַן משפחה, האבן געוואוינט אין איינע פון די שטעטלעך אינעם געגנט ארום די שטאט קערעסטיר, אונגארן. דער אבי המשפחה, הר"ר אליעזר גראסמאן זצ"ל, איז אמאל אין זיין יוגנט אריינגעפאלן אין א ריזיגן טאפ וואס איז געשטאנען אינעם הויף פונעם הויז, וואו עס איז געווען פארפרוירענע וואסער. אזוי איז ער דארט געווען א לאנגע צייט פון צענדליגער גראד אונטערן נול (מעלות צלזיוס מינוס), נישט האבנדיג קיין שום מעגליכקייט ארויסצושפרינגען דערפון, און אויך נישט צו שרייען פאר הילף. נאכן אים זוכן א לאנגע צייט האט מען אים געפינען דארט אינעם ריזיגן טאפ, און אים שנעל ארויסגעשלעפט זייענדיג שטארק פאר'חלש'ט.

נאכן אים דערמינטערן און אים גוט דערווארימען, איז ער צוריקגעקומען צו זיך, אבער איינע פון זיינע פיס איז שטארק פארגליווערט געווארן דארט אין די אייזיגע וואסער און איז לא עלינו געווארן צוזאמגעצויגן. עס האט פארלוירן דאס גאנצע לעבהאפט, איז געווארן בלוי און האט זיך אינגאנצן פארטריקנט, וויבאלד אלע אדערן זענען געווארן איינגעשרימפפן, און די בלוט האט נישט געפלאסן צו יענעם פוס, רח"ל.

די דאקטוירים וואס האבן אים אונטערגעזוכט, זענען געווען זייער באזארגט פון זיין צושטאנד, און האבן געזאגט אז זיין לעבן איז אין א גרויס געפאר! – נישט נאר קען מען נישט ראטעווען די פוס אויף קיין שום וועג, האבן זיי ערקלערט, אבער די צרה איז נאך גרעסער, וויבאלד די אפגעשטארבענע פוס טוט לייגן דאס גאנצן קערפער אין געפאר, און דערפאר מוז מען תיכף אפשניידן די פוס כדי צו ראטעווען זיין לעבן!

זיין טאטע, וועלכער איז געווען א געטרייער חסיד, האט נישט צוגעשטימט צו מאכן קיין שום אפעראציע אדער ווייטערדיגע פעולה מיטן חולה, איידער ער וועט באקומען די צושטימונג פונעם רבי'ן דערצו, און ער האט געמאלדן פאר די דאקטוירים אז ער גייט שוין יעצט ארויספארן קיין קערעסטיר צו פרעגן דעם רבי'ן וואס מען זאל טון, און ביז ער קומט צוריק איז ער נישט מסכים צו קיין שום ווייטערדיגע שריט!

די דאקטוירים האבן זייער מורא געהאט איבער דאס וואס קען נאך געשען ביז ווען דער טאטע וועט צוריקקומען פון קערעסטיר, וואס יעדער מינוט קען זיין זייער קריטיש, און טראגן מיט זיך סכנת נפשות! – דער טאטע האט אבער גע'חתמ'עט אויף א דאקומענט וואו ער נעמט קלאר פאראנטווארטליכקייט איבער דאס געזונט צושטאנד פון זיין קינד ביז ער וועט פארן קיין קערעסטיר און צוריקקומען.

אנקומענדיג קיין קערעסטיר, איז ער גלייך אויפגענומען געווארן בקודש פנימה, נאכדעם וואס ער האט ערקלערט פאר די גבאים איבערן געוואלדיגן סכנה אין וואס זיין זון געפינט זיך, און אז דאס איז א 'שאלה' פון פיקוח נפש.

ווען דער רבי האט געהערט פון וואס עס רעדט זיך, האט ער זיך קעגנגעשטעלט צום מאכן וועלן אפעראציע עס זאל נאר זיין, און אויך האט ער נישט געלאזט טון קיין שום אנדערע זאכן וואס די דאקטוירים האבן מציע געווען, וואס וואלט צוגעברענגט אז די פוס זאל אראפקומען פונעם קערפער. "איך בין אויך נישט איינשטימיג מיט דאס וואס די דאקטוירים האבן באשטימט אז די פוס האט נישט קיין האפענונג, און אז עס איז נישט מעגליך אז עס זאל אויסגעהיילט ווערן. לויט מיין מיינונג דארף מען פראבירן צוריק אויפצולעבן דעם פוס", האט דער רבי גע'פסק'נט.

הרב גראסמאן איז געבליבן שטיין ערשטוינט, הערנדיג דעם קלארן פסק פונעם רבי'ן. "אבער וואס קען איך טון פאר זיין רפואה"? האט ער געפרעגט מיט א וויינענדיג קול, "די דאקטוירים טרעפן דאך נישט קיין שום וועג אויסצוהיילן דעם פוס"!

האט אים דער הייליגער רבי געשיקט צו עפעס אן אומבאקאנטער דאקטער אין די שטאט 'יון' אין אונגארן, וועלכער איז געווען גאר א פשוט'ער דאקטער, אבער צום גרויסן וואונדער האט ער זיך גוט אויסגעקענט אין אט דעם פראבלעם פונעם פוס, און נאך עטליכע גוטע באהאנדלונגען וואס ער האט געגעבן פארן קינד, איז אים געלונגען בסיעתא דשמיא צוריקצוברענגען דאס לעבהאפט צום פוס, און די בלוט האט ווייטער אנגעהויבן פליסן צום פוס, די אדערן האבן זיך אויפגעוועקט, און זיין פוס איז געראטעוועט געווארן פון דאס גענצליכע אפשניידונג וואס די דאקטוירים האבן געפלאנט.

נאכן זיך אויפהאלטן א קורצע צייט אין די שטאט 'יון' אונטערן אויפזיכט פון יענעם דאקטער, האט זיך דאס קינד צוריקגעקערט צו זיין שטאט פרייליך און געזונט, זיין פוס איז געווארן אויסגעהיילט אין זכות פון די ברכה פונעם צדיק, ער איז געבליבן אביסל 'הינקענדיג', און אזוי איז ער געבליבן זיין גאנצן לעבן! [דאס איז געווען א זכר פון אט דעם געוואלדיגן מופת, וואס דער צדיק האט געמאכט פאר אים].

פון דעמאלטס און ווייטער, פלעגט ער אלעמאל קומען קיין קערעסטיר מיט זיין הינקעדיגע פוס, און דער רבי פלעגט אים ווינטשן מיט גרויס ליבשאפט: "דו מיט דיין פוס וועסטו נאך אלעס אריבערגיין"... – ווי עס זעט אויס, האט ער אים דערמיט מרמז געווען אז דאס שווערקייט און ווייטאג פונעם פוס וועלן אים פטר'ן פון די אנדערע צרות פון די וועלט-מלחמה.

און אזוי איז טאקע געווע, אז ער האט בניסי ניסים איבערגעלעבט די וועלט-מלחמה, און נאך די מלחמה איז ער ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל און האט זיך באזעצט אין ירושלים עיר הקודש ת"ו – איך געדענק אים נאך גוט פון מיינע יונגע יארן, ווען ער האט דא געווען אין די אלטע געגנטער פון ירושלים, און ער פלעגט זיך אלעמאל שלעפן מיטן פוס און אזוי איז ער געגאנגען שפרינגענדיג פון איין ארט צום אנדערן, דערביי האט ער אלעמאל פארציילט דעם געוואלדיגן מופת צו וועלכן ער האט זוכה געווען דורך די ברכה פונעם הייליגן רבי'ן.

המשך אין עמוד ד' >|

-> • <-

ביי די הסתלקות פונעם הייליגן רבי ישעיה'לע קערעסטירער זי"ע, זענען געבליבן גאר גרויסע חובות אינעם הייליגן הויף, וויבאלד דער הייליגער רבי האט שטענדיג געבארגט ריזיגע סומעס געלט פאר צדקה, וואס ווי באקאנט האט ער געשטיצט פילע ארימעלייט. ווען מען האט צוזאמגערעכנט אלע חובות, איז עס אנגעקומען צו א סך הכל פון צוויי הונדערט טויזנט 'פענגאו' (אן אונגארישע מטבע אין יענע צייטן), וואס דאס איז געווען גאר אן אסטראנאמישע סומע, וואס די הויף האט נישט געהאט קיין אהנונג פון וואו עס צו באצאלן.

א גרויסן חלק פונעם חוב איז געווען באגלייט מיט וועקסלען (שטרות-חוב) פונעם באנק, און ווען די פירער פונעם באנק האבן געהערט אז דער צדיק איז נסתלק געווארן, זענען זיי גלייך געקומען צו זיין הייליגן וואוינונג, און דערהויבן א 'ויצעקו' טענה'נדיג אז מען מוז זיי שוין יעצט באצאלן זייער חוב, און האבן נישט געלאזט פאר די חברא קדישא צו טון זייער ארבעט און אנהייבן מיט די לויה, ביז זיי וועלן קלאר וויסן ווער עס נעמט אויף זיך צו באצאלן די חובות.

א 'בית דין חשוב' איז גלייך געזעצט געווארן, און דארט האט מען באשלאסן אז מען וועטווארטן מיט די לויה ביז מען וועט שאפן דעם גאנצן סכום, און דערווייל זענען הונדערטער טויזנטער אידן אנגעקומען פון אלע זייטן, און יעדער איינער האט געווארט אז די לויה זאל זיך שוין אנהייבן.

מטעם דער בית דין איז אויסגערופן געווארן אז מען וועט נישט לאזן ארויסנעמען די מיטה ביז די חובות וועט ווערן מסודר. בליץ-שנעל האבן זיך פילע 'סדרנים' צושפרייט צווישן דעם ריזיגן ציבור מיט ריזיגע צדקה-קאסעס אין זייערע הענט, און זענען אזוי ארומגעגאנגען צווישן די פילע אידן וואס האבן אנגעפולט אלע גאסן פונעם שטאט. די רבנים האבן צוגעאיילט דעם ציבור, ערקלערנדיג אז עס נישט קיין 'כבוד המת' אים צו לאזן אזוי ווארטן, אבער פון די אנדערע זייט זענען געשטאנען די פירער פונעם באנק און זייערע העלפער, און האבן נישט געלאזט ארויסנעמען די מיטה.

און אזוי איז ביז א קורצע צייט צוזאמגענומען געווארן די גאנצע סומע, און אלע חובות זענען גלייך באצאלט געווארן ביז די לעצטע פרוטה, און עס איז נאך געבליבן אסאך געלט צו קענען ווייטער פירן דעם הייליגן הויף, וואס איז געפירט געווארן אונטערן זון פונעם הייליגן צדיק, דאס איז געווען ממשיך דרכו הרה"ק רבי משה מקערעסטיר זצוק"ל.

-> • <-

די געוואלדיגע מידה פון 'אהבת ישראל' האט געפלאקערט אינעם הייליגן רבי ישעיה'לע ווי א פייערדיגע פאקל, און ער איז געווען באוואוסט איבער די גאנצע וועלט מיט זיין וואונדערליכע ליבשאפט צו יעדער איד בַּאֲשֶׁר הוּא.

ווען זיין זון, רבי משה'לע וועלכער האט שפעטער איבערגענומען זיין ארט, איז געווען א קליין קינד, איז ער קראנק געווארן אויף א שווערע מחלה. איין טאג האט מען געטראפן דעם טאטן, רבי ישעיה'לע, ווי ער וויינט ביטערליך בדמעות שליש. די גבאים וועלכע האבן זיך געזארגט פאר זיין אייגענעם געזונט, האבן אים פראבירט בארואיגן אז דער מצב איז נישט אזוי געפערליך, און אודאי וועט ער זיך שטארקן און זיך צוריקקערן צו זיין פריערדיגן מצב.

האט דער רבי געזאגט צו זיי: איר פארשטייט נישט! נישט אויפן קרענק פון מיין משה'לע וויין איך, איך בין פארזיכערט אינעם חסד פונעם אויבערשטן אז ער וועט מיר נישט פארלאזן און ער וועט שיקן זיין רפואה אינגיכן, נאר איך האב צער דערפון וואס איך די לעצטיגע טעג האב איך צער פונעם קרענק פון מיין זון, מער ווי דער צער וואס איך וואלט געהאט פאר אן אנדער אידיש קינד... אט מיט געציילטע טעג צוריק איז אהערגעקומען א איד מיט א שווערן קוויטל איבערן שרעקליכן קרענק פון זיין זון, און כאטש איך האב אסאך מתפלל געווען און געוויינט אויף אט דעם חולה, טראצדעם זענען די תפילות נישט געווען מיטן זעלבן צער און ווייטאג אזוי ווי מיינע תפילות אויף מיין משה'לע... דעריבער, אויב האב איך נאך זארג און צער אויף מיין אייגענעם זון, מער ווי אויף אן אנדער איד, איז דאס א סימן אז איך בין נאך ווייט פון אהבת ישראל בשלימות! און דערפאר וויין איך און איך האב צער, און איך טו תשובה און איך בעט דעם אויבערשטן, אז ער זאל מער שטארקן אין מיר די מדה פון אהבת ישראל!

-> • <-

דאס מהות פון זיין הייליג לעבן איז געווען מסירות נפש. שטענדיג און אלעמאל איז ער געשטאנען גרייט אוועקצוגעבן זיין לעבן למען שמו יתברך, און פארן ליבשאפט פון זיין אידישן פאלק.

אזוי ווי הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זצוק"ל שרייבט אין זיין הקדמה צום הייליגן ספר פון זיין גרויסן טאטן בעל נועם אלימלך זי"ע: איך בעט דיר אז דו זאלסט מקיים זיין אלע ברכות וואס זענען שטענדיג געווען איינגעוואוינט אויפן מויל פון מיין חשוב'ער טאטע, צו בענטשן אידישע קינדער, און זיך צו מוסר נפש זיין פאר זייערטוועגן אין יעדער צייט, און צו מבטל זיין פון זיי שלעכטע גזירות דורך זיין תפילה מיט געטריישאפט און מסירות נפש!

אזוי איז געווען דער סדר העבודה פון די הייליגע צדיקים וגדולי החידים, צו דאווענען מיט מסירות נפש לטובתם וישועתם של ישראל.

און וויבאלד אין אונזער הייליגע חבורה געפינען זיך נישט ווייניג אפשטאמיגע פון קערעסטירער חסידים, און אסאך פון זיי זענען געהאלפן געווארן דורך די תפילות און ברכות פון דעם הייליגן קערעסטירער צדיק, אזוי ווי מיר ווייסן אסאך מעשיות דערוועגן. – וועלן מיר אויך משתדל זיין צו גיין אינעם וועג פונעם צדיק, און זיך צו פאראייניגן צוזאמען מיט אהבת ישראל כאיש אחד בלב אחד. דער 'טיב' און מהות פון חבורתנו הקדושה איז אויסגעצייכנט דערמיט וואס עס איז צוזאמגעשטעלט פון פילע סארטן און קרייזן, און דער גרעסטער וואונדער איז דאס גרויס אחדות און ליבשאפט וואס הערשט צווישן אלע מיטגלידער אין די קהילה.

דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע האט שוין געזאגט, אז אחדות צווישן אידן מאכט אויסגעלייטערט אזוי ווי א תענית, און ווער עס איז באחדות דער דארף נישט צוקומען צו סיגופים און יסורים חלילה.

אין זכות וואס מיר וועלן אנהאלטן אינעם וועג פונעם צדיק, וועט זיין אחדות און שלום בין ישראל לאביהם שבשמים, און מיר וועלן אינגיכן זוכה זיין אז עס וועט שוין קומען דער מְבַשֵּׂר מַשְׁמִיעַ שָׁלוֹם, במהרה בימינו אמן.


**על הברכה יעמדו**

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים • יוסף בן טילה רחא לרפו"ש • שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173